קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
רבינו **אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## וישלח

גליון ט"ז - שנת תשפ"ד לפ"ק

• אידיש •

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת ספרי רבינו זצוק"ל
**שינאווא**

כל הזכויות שמורות

**עם דרשת כ"א כסלו אצל סעודת הודאה במעמד אלפי ישראל**

בס"ד

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון

יכולין להשאיר הודעה על הטעל.
845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שע"י קהל דברי יחזקאל
שינאווא

# וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים לְפָנָיו אֶל עֵשָׂו אָחִיו אַרְצָה שֵׂעִיר שְׂדֵה אֱדוֹם.

**א)** רש"י זאגט: "**וישלח יעקב מלאכים - מלאכים ממש**" - דו זאלסט נישט מיינען אז דאס זענען געווען מענטשליכע 'שלוחים', וואס דאס קען מען אויך רופן 'מלאכים', נאר דאס זענען געווען געטליכע מלאכים ממש. אינ'אמת'ן איז פארהאן צוויי דעות אין מדרש (ב"ר עה, ד) צי דאס זענען געווען מלאכים אדער מענטשן. לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט רש"י אנגענומען ווי די דעה אז דאס זענען געווען מלאכים?

**ב)** אויך דארף מען פארשטיין, פארוואס געפונט מען נישט ביי אברהם און יצחק אז זיי זאלן זיך האבן באדינט מיט מלאכים? און אפילו ביי יעקב, געפונט מען אויך נישט אז ער זאל זיך באדינען מיט מלאכים - דורכאויס די גאנצע צייט וואס ער איז געווען ביי לבן, וואס דארט וואלט עס אים אזויפיל געקענט ארויסהעלפן אין זיין שווערע ארבעט און אין זיינע אמפערייען מיט לבן און זיינע רמאות'ן, און פארוואס פונקט דא ווען יעקב איז שוין אוועקגעגאנגען פון לבן, האט ער פלוצלינג זיך גענומען באדינען מיט מלאכים?

**ג)** איך האב געהערט פון מיין טאטן זכרונו לברכה, אז דער ראפשיצער רב זצ"ל האט זיך גע'חלומ'ט א תורה: "**וישלח - וַיִ שְׁלַח**", דו זאלסט אוועקשיקן דעם עצבות, "**יעקב**" - דו זאלסט זיך האלטן בענוה (לשון 'עקב ענוה'), "**מלאכים - מָל אַכִים**", דו זאלסט רעדן ווייניג (מל איז טייטש 'רעדן', פון לשון 'ממלל', און 'אכין ורקין' זענען דאך 'מיעוטים'), "**לפניו אל עשו**", איידער דו טוסט עפעס ('עשו' איז פון לשון 'עשיה'), זאלסטו זיך קודם איבערקלערן צי דאס איז א גוטע זאך צו טון אדער נישט. לכאורה דארף מען פארשטיין וואספארא שייכות האט דער ענין מיט דער פרשה?



### יעקב האט געשיקט מלאכים וואס ער האט באשאפן

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. די ספרים (של"ה הק' תורה אור ג' ועוד) זאגן, אז יעקב האט זיך נישט באדינט דא מיט מלאכי מרום (וואס דער אייבערשטער האט זיי באשאפן), ווייל ווי האט דען א מענטש דאס רעכט זיך צו באנוצן מיט

מלאכים? נאר דאס זענען געווען די מלאכים וואס ער אליינס האט זיי באשאפן דורך זיינע מעשים טובים און דיבורים קדושים, און דעריבער האט ער זיך געמעגט באנוצן מיט זיי, ווייל זיי באלאנגען דאך צו אים.

צו באשאפן מלאכים מוז מען האבן די זעלבע סארט טבע

**עס** איז באקאנט דער כלל פון די ספרים הק׳ (הובא באגרא דכלה פר׳ פנחס ד״ה כן): **״טבע המוליד בנולד״** - דער טבע פונעם מוליד (-דער וואס מאכט געבוירן) גייט אריין אינעם ׳נולד׳ (-אינעם געבוירענעם), און דאס גייט אויך אויף פארקערט, אז אויב מען זעט עפעס א טבע אינעם ׳נולד׳, איז א ראיה אז דער ׳מוליד׳ פארמאגט דאס אויך , ווייל אויב האט ער נישט די טבע , נו, פון וואנעט איז דאס אנגעקומען צום ׳נולד׳? ממילא קומט דאך אויס, אז כדי אז א מענטש זאל קענען באשאפן מלאכים מיט זיינע מעשים און דיבורים, מוז ער האבן עפעס א געוויסער ׳צד השוה׳ מיט מלאכים, אז די יסודות אויף וואס א מלאך איז געבויעט - זאלן זיין אין אים.

א מלאך איז קיינמאל נישט ׳אחד בפה ואחד בלב׳ אפילו לצורך מצוה

**עס** קען זיין אז דער יסוד פון א מלאך איז די מדה פון ׳אמת׳. ווייל אלץ וואס מלאכים טוען און רעדן, איז מיטן גאנצן הארץ - אָן קיין שום זייטיגע כונות און חשבונות; ווי מען זעט אז רש״י זאגט (בראשית יח, ה): **״א״ר חמא לבבכם אין כתיב כאן אלא לבכם מגיד שאין יצה״ר שולט במלאכים״** - די מלאכים האבן בלויז איין הארץ, וואס דאס מיינט: איין ריינע כונה בתכלית האמת. און כאטש וואס ביי א מענטש געפונט מען, אז ער מעג אמאל רעדן ׳אחד בפה ואחד בלב׳ - צי צוליב ׳דרכי שלום׳ (עי׳ או״ח סי׳ תקס״ה בט״ז סק״ו), אדער ווי די גמרא זאגט (בבא מציעא כג:): ״בהני תלת מילי עבידי רבנן דמשנו במלייהו״, און איינע פון די דריי זאכן איז: ״במסכת״, און ווי רש״י זאגט: ״יש בידך מסכת פלוני סדורה בגירסא או לאו ואע״ג שסדורה היא לו יאמר לו לאו ומדת ענוה היא״ - טאמער מען פרעגט איינעם, צי ער האט געלערנט די מסכת, זאל ער ענטפערן ׳ניין׳, צוליב ענוה. קען מען אפשר זאגן אז דאס אלעס איז נישט שייך ביי מלאכים. ווייל דער גאנצער ענין אז מען זאל דארפן אביסל משנה זיין און נישט זאגן דעם גאנצן אמת, שטאמט פון דעם וואס דער מענטש האט אויף זיך פארשידענע אויפגאבעס, פון איין זייט דארף ער לערנען תורה און זיך איינ׳חזר׳ן אז עס זאל זיין שגור בפיו, און פון

צווייטן זייט דארף ער זיך פירן בענוה און נישט זאגן אז ער געדענקט די מסכת, דעריבער מוז ער אמאל משנה זיין בדיבור און זיין א בחינה פון 'אחד בפה ואחד בלב', אבער ביי א מלאך איז דאס נישט שייך; ווי רש"י זאגט (בראשית יח, ב): **"אין מלאך אחד עושה שתי שליחות"** - א מלאך באקומט בלויז איין אויפגאבע אויסצופירן, ממילא איז נישט שייך ביי אים קיין שום 'חשבון' אפילו מצד הקדושה! נאר ער איז איין שטיק אמת, 'כלבו כן פיו'.

יעקב'ס מדה איז 'אמת' – דערפאר האט ער געקענט באשאפן מלאכים

**לויט** דעם קען זיין, אז כדי א מענטש זאל קענען באשאפן מלאכים מיט זיינע מעשים און דיבורים, מוז ער האבן אט די תכונה פון תכלית האמת, אז ער זאל זיין איין שטיק אמת, און אפילו בדרך ההיתר זאל ער אויך נישט זאגן און טון קיין שקר, ווייל נאר דעמאלט איז דא דער 'טבע הנולד' אינעם 'מוליד'. און דערפאר טרעפט מען נישט דעם ענין פון זיך באנוצן מיט מלאכים ביי די אנדערע אבות הקדושים, ווייל יעקב אבינו'ס מדה איז דאך געווען די מדה פון 'אמת'; ווי דער פסוק זאגט (ברשית כה, כז): **"וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם"**, און רש"י זאגט דארט: **"כְּלִבּוֹ כן פיו מי שאינו חריף לרמות קרוי תם"** - יעקב אבינו איז געווען א שטיק תמימות און אמת, אָן קיין שום צד פון רמאות און חשבונות. ממילא האט ער געהאט דעם ריכטיגן 'טבע המוליד' צו באשאפן מלאכים דורך זיינע מעשים און דיבורים.

ביי לבן האט ער געמוזט נוצן 'רמאות' – לצורך רצון ה'

**אבער** ווי נאר יעקב איז אנגעקומען צו לבן'ען און געזען מיט וועמען ער האט דא צוטון, האט ער נישט געהאט קיין ברירה, נאר ער האט זיך אויך געמוזט באנוצן מיטן כח פון רמאות; ווי רש"י זאגט (בראשית כט, יב): **"כי אחי אביה הוא - אם לרמאות הוא בא גם אני אחיו ברמאות"**. און מען זעט טאקע בפועל ווי ער האט גענוצט דעם כח פון רמאות ווען ער איז אנטלאפן פון לבן; ווי דער פסוק זאגט (בראשית לא, כ): **"וַיִּגְנֹב יַעֲקֹב אֶת לֵב לָבָן הָאֲרַמִּי עַל בְּלִי הִגִּיד לוֹ כִּי בֹרֵחַ הוּא"** - יעקב האט אים אויסגעפאפט און אנטלאפן פון לבן. און דאס איז טאקע געווען דעמאלט דער רצון ה', ווייל אנדערש וואלט יעקב נישט געקענט אוועקגיין פון אים, און לבן וואלט אים אלעס צוגענומען; ווי דער פסוק זאגט (בראשית לא, לא): **"כִּי יָרֵאתִי כִּי אָמַרְתִּי פֶּן תִּגְזֹל אֶת בְּנוֹתֶיךָ**

מֵעִמִּי" - טאמער וואלט איך געווען אינגאנצן אמת'דיג צו דיר, וואלסטו צוגעֿגנב'עט דיינע טעכטער פון מיר.

### דערפאר האט ער נישט געקענט דארט באשאפן קיין מלאכים

**אבער** כאטש עס איז טאקע דעמאלט געווען דער רצון ה', אז יעקב זאל זיך פירן מיט רמאות, אבער דאך איז נישט געווען שייך אז ער זאל דעמאלט באשאפן מלאכים מיט זיינע מעשים און דיבורים, וויבאלד ער האט דעמאלט נישט געהאט דעם 'טבע הנולד' פון דעם לויטערן אמת וואס א מלאך פארמאגט, ממילא האט ער עס נישט געקענט מוליד זיין.

### יהושע האט נישט געקענט זיין 'אחד בפה ואחד בלב' אפילו לצורך

**אן** ענליכע בחינה שטייט אין ישמח משה (פר' שלח אות ה), וואס ער איז מסביר א טעם פארוואס משה רבינו האט נישט מתפלל געווען אויך אויף כלב, אז ער זאל ניצול ווערן פון דער עצה פון די מרגלים - פונקט ווי ער האט מתפלל געווען אויף יהושע. ברענגט ער א מדרש (במ"ר טז, יט), אז כלב האט א גאנצן צייט גערעדט צו די מרגלים 'אחד בפה ואחד בלב', אז מיטן מויל האט ער מיטגעשטימט מיט זיי, אבער אין הארצן האט ער געגלייבט אז 'טובה הארץ מאוד מאוד'. אבער יהושע האט נישט געקענט טון די עצה, ווייל ביי אים זאגט די תורה עדות (שמות לג, יא): "**לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל**" - ער האט זיך נישט אוועקגערירט קיין רגע פון משה רבינו'ס בית המדרש, און ער איז נישט געווען קיין איין רגע אָן תורה, זיין גאנצע חיות איז געווען נאר די תורה ממילא איז ער געווארן 'איינס' מיט דער תורה, און דעריבער האט ער נישט געקענט זיין קיין 'אחד בפה ואחד בלב' - אפילו כדי זיך צו ראטעווען פון די מרגלים - וויבאלד ער איז געווען איינס מיט די תורה וועלכע איז א שטיק אמת. און דעריבער האט משה רבינו געמוזט מתפלל זיין פאר אים א ספעציעלע תפלה, אז ער זאל ניצול ווערן פון זיי.

### ווי נאר יעקב איז אוועק פון לבן – איז ער צוריק געווען דער 'תם שאינו יודע לרמות'

**נחזור** לענינינו: דערפאר זאגט דער פסוק (בראשית לב, א): "**וַיֵּלֶךְ וַיָּשָׁב לָבָן לִמְקֹמוֹ**" - אין דער רגע וואס ער האט זיך אפגעשיידט פון לבן'ען, "**וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ**" - איז יעקב צוריק געגאנגען צו זיין אריגינאלע 'דרך

העבודה' פון 'ויעקב איש תם' און געווארן צוריק דער איש אמת בתכלית האמת! ער איז געווען צוריק דער זעלבער 'איש תם' - 'שאינו יודע לרמות'! דער זעלבער 'כְּלִבּוֹ כן פיו'! דער זעלבער יעקב אבינו וואס ער איז דער מקור פון מדת האמת; ווי עס שטייט (מיכה ז, כ): "תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב". און דורכדעם האט ער יעצט געהאט דעם 'טבע המוליד בנולד' צו באשאפן מלאכים, און דעריבער "וַיִּפְגְּעוּ בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים" - האט ער באלד באגעגנט די מלאכים וועלכע זענען יעצט באשאפן געווארן פון זיינע אמת'ע דיבורים און מעשים. און אט די מלאכים האט ער געשיקט מיט דער שליחות צו עשו. און דערפאר נעמט אָן רש"י די שיטה פון "מלאכים ממש", וויבאלד דאס שטימט זייער גוט אין פשט מיט דער סמיכות הפרשה.

ער האט דורכגעזופט יעדע דיבור ומעשה – אז ער זאל האלטן דערביי

**דאס** קען זיין איז דער שייכות פונעם חלום וואס דער ראפשיצער רב האט גע'חלומ'ט - צום ענין פון דאס שיקן מלאכים. ווייל ווי געזאגט, זענען דאך די מלאכים באשאפן געווארן דורך יעקב אבינו'ס מדת האמת. ממילא זאגט דער פסוק ברמז: "**מָל אַכִים**" - די מלאכים זענען באשאפן געווארן דורכדעם וואס יעקב אבינו האט וויייניג גערעדט, דאס הייסט, אז ער האט דורכגעזופט יעדעסווארט מיט י"ג נפה, און געמאכט זיכער אז עס זאל נישט זיין קיין 'התחלקות' צווישן זיין מויל און הארץ, ער זאל נישט רעדן קיין זאכן וואס ער האלט נישט דערביי בשלימות וכדומה, נאר עס זאל זיין 'כפיו כן לבו' - דאס איז אויפן 'חלק הדיבור'. און דערנאך זאגט דער פסוק ווייטער ברמז - כלפי דעם 'חלק המעשה': "**לפניו אל עשו**" - איידער ער האט געטון עפעס א פעולה, האט ער זיך דורכגעטראכט, צי דאס וואס ער טוט איז טאקע אמת'דיג מיט א 'לב אחד' לשם שמים? און אזוי האט ער שטענדיג געמאכט זיכער, אז ער זאל זיין 'כולו אמת', און דורכדעם האט ער געקענט באשאפן 'מלאכים ממש'.

יעקב האט געמוזט האבן די מדה פון 'שמחה' – כדי די מלאכים זאלן בלייבן מיט אים

**און** דאס קען אויך זיין דער רמז פון "**וַיִּ שְׁלַח**" - אוועקשיקן דעם עצבות. ווייל דער טבע פון די מלאכים איז 'שמחה'; ווי עס שטייט (דברי הימים א טז, כז): "**עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ**", זיי געפונען זיך שטענדיג אין הימל וואו עס איז

נישטא קיין נדנוד פון עצבות. ממילא, כדי אז די מלאכים זאלן טאקע באגלייטן יעקב אבינו און ער זאל זיך קענען באנוצן מיט זיי, האט ער געמוזט אוועקשיקן דעם 'עצבות' און זיין 'בשמחה', ווייל טאמער נישט, וואלטן זיי אים איבערגעלאזט און ארויפגעגאנגען אין הימל וואו עס הערשט א שמחה.

דורך 'יעקב' – זיך האלטן בענוה – איז מען זוכה צו שמחה

**עס** קען אפשר זיין, אז דער ענין פון 'שמחה' - וועלכע איז מרומז אינעם "**וַיִּשְׁלַח**", איז מקושר מיט דער מדה פון 'ענוה' - וועלכע איז מרומז אינעם "**יעקב**". ווייל איינער וואס האלט זיך קליין, שפירט אז עס קומט זיך אים גארנישט, און אלץ וואס ער האט, איז ממש א חסד ה', ממילא איז ער שטענדיג 'שמח בחלקו'; ווי עס שטייט (ישעיה כט, יט): "**וְיָסְפוּ עֲנָוִים בַּה' שִׂמְחָה**".

פונעם זאגן און טון 'אמת' האט מען קיינמאל נישט קיין חרטה

**אזוי** אויך, איז דער ענין פון שמחה מקושר מיט דער 'מדת האמת' פון יעקב אבינו. ווייל ווען א מענטש זאגט דעם אמת און טוט זאכן מיט אן אמת - האט ער קיינמאל נישט קיין חרטה אז ער וואלט ווען געדארפט זאגן אדער טון אנדערש. אבער ווען א מענטש זאגט נישט קיין אמת אדער ער טראכט נישט איידער ער טוט, קען ער אסאך מאל חרטה האבן און אריינפאלן אין עצבות, אז ער וואלט ווען געדארפט זאגן אן אנדערן שקר וואס וואלט אים בעסער געלוינט וכדומה, אדער אז ער וואלט געדארפט טון אנדערש. ממילא, וויבאלד יעקב אבינו איז געווען א שטיק אמת, ער האט קיינמאל נישט ארויסגעזאגט קיין דבר שקר פון מויל, נאר מקיים געווען דעם 'מַלְאָכִים', און אזוי אויך האט ער איבערגעטראכט יעדע זאך איידער ער האט עפעס געטון, און מקיים געווען דעם 'לפניו אל עשו' - דורכדעם איז ער געווען בשמחה און מקיים געווען דעם 'וַיִּשְׁלַח', און דערפאר זענען די מלאכים געווען מיט אים, און אים געהאלפן אויספירן זיינע שליחות'ן.



## דברי כיבושין

**און** דער אמת איז אזוי: יעדער איד לפי מדרגתו, לויט ווי ווייט מען טוט זיך [אפהיטן] דאס לשון, אז עס זאל האבן א שטיקל גרעניץ, א שטיקל

קאנטראל אויף זיך, [אזויפיל 'שמחה' האט ער]. מען רעדט דאך נישט חלילה עובר צו זיין אויף לשון הרע און רכילות, איז דאך 'לית מאן דכר שמיה'! פארשטייט זיך [אליינס] וואס קען דען פון אזעלכע דיבורים ארויס [קומען]. [נאר] על כל פנים ביי יעדע זאך [וואס מען רעדט], מען טראכט [איידער] מען זאגט א ווארט, [אז] עס זאל נישט זיין קיין 'הלבנת פנים' חלילה! מען זאגט [אמאל] א ווערטל און עס קען יענעם חלילה [אזוי] מצער זיין! מען האט נישט קיין השגה - די 'עקימת שפתיו הוי מעשה' - ווי ווייט דאס קען גיין!

**און** ווייטער פארקערט, מיט א ווארט קען מען מחיה זיין דעם אנדערן, [אז] עס האט נישט קיין שיעור! מען ווייסט גארנישט ווי ווייט מיט א גוט ווארט, ווי מען קען איינעם מחיה זיין! [מען קען] ממש אים אריינגעבן א חיות מיט איין ווארט.

**על** כל פנים, דאס דארף א איד מתפלל זיין: "**ותהא עם פינו בעת הטיפנו**"; ווי מען זאגט דאך דאס אין די תפלה פון רבי'ן רבי אלימלך, אז בשעת ווען מען רעדט, זאל ער זיין 'עם פינו', [דאס הייסט], אז מען זאל זוכה זיין צו רעדן דיבורים וואס זאל ארויסקומען [דערפון] נאר גוטס.

**זאלן** מיר זוכה צו פועל'ן מיטן דיבור, און מיר זאלן זוכה זיין די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

## וַיַּעֲנוּ בְנֵי יַעֲקֹב אֶת שְׁכֶם וְאֶת חֲמוֹר אָבִיו בְּמִרְמָה וַיְדַבֵּרוּ וגו' אִם תִּהְיוּ כָמֹנוּ לְהִמֹּל לָכֶם כָּל זָכָר. וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֵלֵינוּ לְהִמּוֹל וְלָקַחְנוּ וגו' אַךְ בְּזֹאת יֵאֹתוּ לָנוּ הָאֲנָשִׁים וגו' בְּהִמּוֹל לָנוּ כָּל זָכָר כַּאֲשֶׁר הֵם נִמֹּלִים וגו' וַיִּמֹּלוּ כָּל זָכָר וגו'.

**א)** רש"י זאגט: **"במרמה - בחכמה"**, אז שמעון און לוי האבן דא גענוצט א געוואלדיגע חכמה צו הרג'ענען גאנץ שכם. לכאורה דארף מען פארשטיין, די תורה זאגט דאך דעם לשון 'מרמה' - וואס דאס ווייזט געוועגליך אויף א 'תחבולה' און א שפיצל, וואס דאס שטימט טאקע מיט דער פשטות המעשה, אז שמעון און לוי האבן דא אויסגענאַרט די גאנצע שטאט שכם, און דורכדעם האבן זיי געהאט א שליטה זיי אויסצו'הרג'ענען, נו, פארוואס זאגט רש"י אויף דעם 'בחכמה' - וואס דאס איז דאך א דרגא פון א גראָדן און טיפן שכל?

**ב)** דער לשון **"אם תהיו כמונו"** איז לכאורה איבריג, ווייל זיי האבן דאך שוין פריער מסביר געווען, אז זיי ווילן זיך נישט משדך זיין מיט קיין 'ערלים', נו, וואלט גענוג געווען דא צו זאגן בלויז 'להמול לכם כל זכר'?

**ג)** אויך דער לשון **"ואם לא תשמעו אלינו"** איז לכאורה איבריג, און עס וואלט געווען גענוג ווען ער זאגט: 'ואם לא תמולו'?

**ד)** אויפן ווארט 'להמול' זאגט רש"י: **"להמול - להיות נמול, אינו לשון לפעול אלא לשון להפעל"** - 'להמול' טייטשט נישט 'צו מל'ען', נאר 'צו ווערן גע'מל'ט'. לכאורה דארף מען פארשטיין הא גופא, פארוואס טאקע האבן שמעון און לוי גענוצט אזא סארט לשון: "עטץ זאלט ווערן גע'מל'עט", און נישט ווי מען רעדט געוועגליך: "עטץ זאלט אייך מל'ען"?

**ה)** אויך איז שווער, פארוואס די גאנצע צייט וואס מען האלט פאַרן זיך מל'ען, נוצט די תורה דעם לשון 'להמול', אבער ווען מען האלט שוין נאכן זיך מל'ען, נוצט שוין די תורה דעם געוועגליכן לשון; ווי עס שטייט: **"וַיִּשְׁמְעוּ אֶל חֲמוֹר וְאֶל שְׁכֶם בְּנוֹ וגו' וַיִּמֹּלוּ כָּל זָכָר"** - דא שטייט שוין נישט

׳וַנִּמֹּלוּ׳ - זיי זענען געווארן גע׳מל׳עט, נאר ׳וַיִּמֹּלוּ׳ - זיי האבן זיך גע׳מל׳עט. דארף מען פארשטיין דעם טעם פונעם שינוי הלשון?

**ו)** אסאך ראשונים (דעת זקנים, ראש, טור הארוך ועוד) טייטשן דעם "**בִּהְיוֹתָם כֹּאֲבִים**", אז עס האט זיי ווי געטון דאס הארץ פארוואס זיי האבן זיך גע׳מל׳ט און זיי האבן חרטה געהאט דערויף. לכאורה איז שווער לויט דעם פשט, וואס איז דער ׳נתינת טעם׳ אז צוליב דעם האבן שמעון און לוי אויסגע׳הרג׳ט די שטאט? טאמער וואלטן זיי ווען נישט חרטה געהאט, וואלט מען זיי דען יא געלאזט לעבן? זיי האבן דאך געוואלט נקמה נעמען פארן פארכאפן דינה; ווי דער פסוק זאגט (בראשית לד, לא): "**הַכְזוֹנָה יַעֲשֶׂה אֶת אֲחוֹתֵנוּ**".

**ז)** דער רמב"ן (בראשית לד, יג) שטעלט זיך אויף דעם גאנצן ענין, ווי קען דען זיין אז די הייליגע שבטי קה, האבן אויסגע׳הרג׳עט א גאנצע שטאט - בלויז צוליב דעם חטא פון איין מענטש? ברענגט ער א תירוץ פונעם רמב"ם (מלכים ט, יד), אז די ׳בני נח׳ זענען מצווה אויף ׳דינין׳, דאס הייסט, אז זיי מוזן אוועקשטעלן א געריכט וועלכע זאל מאכן זיכער אז די שטאט לייט האלטן איין די ׳מצוות בני נח׳. און וויבאלד דא האט דאך די גאנצע שטאט מיטגעהאלטן ווי שכם גזל׳ט אוועק דינה, און קיינער האט אים נישט גענומען צום משפט דערויף, דעריבער זענען זיי אלע געווען מחויב מיתה; ווי די הלכה איז, אז א ׳בן נח׳ וועלכער איז עובר אויף סיי וועלכע פון די שבע מצוות בני נח איז חייב מיתה. אבער לכאורה קומט אויס לויט דעם, אז דאס וואס שמעון און לוי האבן זיי געזאגט, אז אויב זיי וועלן ווערן גע׳מל׳ט - וועלן זיי זיך משדך זיין און האנדלען מיט זיי, איז געווען א פשוט׳ער ליגנט און א תחבולה וויאזוי זיי זאלן ווערן אפגעשוואכט פון דער מילה, און דעמאלט וועט מען זיי אלע קענען אויס׳הרג׳ענען. איז דאך זייער שווער צו זאגן אזא זאך, אז די הייליגע שבטי קה האבן ארויסגעזאגט א בפירוש׳ער ליגנט פון מויל, ווי קען מען זאגן אזא זאך?

די ׳חכמה׳ פון שמעון און לוי: זייט אייך מגייר – וועט איר זיין פטור פון מיתה

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. די גמרא זאגט (סנהדרין עא:) אז א ׳בן נח׳ וואס ער האט עובר געווען אן עבירה וואס ער איז ׳חייב מיתה׳ דערויף, און

דערנאך האט ער זיך מגייר געווען - איז ער פטור פון מיתה. און אזוי פסק'נט דער רמב"ם (מלכים י, ד) להלכה. ממילא, קען זיין אז שמעון און לוי האבן געזוכט א וועג וויאזוי מען קען זיי ראטעווען פון אזא עונש אויסצו'הרג'ענען א גאנצע שטאט, דעריבער זענען זיי געפאלן אויף א 'חכמה' און געגעבן אן עצה פאר די בני שכם, אז זיי זאלן זיך קענען ראטעווען פונם חיוב מיתה: "טאמער וועט עטץ זיך מל'ען און מגייר זיין כדת וכדין, דעמאלט וועט עטץ על פי הלכה ווערן פטור פונעם פריערדיגן עונש מיתה, און נישט בלויז מען וועט אייך נישט הרג'ענען, נאר פארקערט, מיר וועלן זיך אפילו משדך זיין און האנדלען מיט ענק, וויבאלד עטץ וועט זיין געהעריגע אידן פונקט ווי אונז!".

### זיי האבן נישט געמיינט קיין 'מרמה'

**מיט** דעם ווערט שוין פארענטפערט דאס וואס רש"י זאגט: "**במרמה - בחכמה**", אז רש"י וויל טאקע דאס זאגן, אז זיי זענען נישט געקומען דא מיט קיין קרומע עצה און האבן נישט געזוכט אויסצונאַרן די אנשי שכם, נאר פארקערט, זיי האבן געהאט א געוואלדיגע טיפע חכמה על פי תורה וויאזוי זיי צו ראטעווען פונעם עונש.

### א גוי קען זיך מל'ען – אבער ער ווערט נישט קיין גע'מל'עטער

**די** משנה זאגט (נדרים לא:): "**קונם שאני נהנה לערלים מותר בערלי ישראל ואסור במולי עובדי כוכבים**" - טאמער א מענטש מאכט א נדר נישט הנאה צו האבן פון 'ערלים', מעג ער הנאה האבן פון א איד וועלכער האט זיך **נישט** געקענט מל'ען (צוליב א סכנה), און ער טאר נישט הנאה האבן פון א גוי וועלכער האט זיך **יא** גע'מל'עט, און די משנה זאגט אויך פארקערט: "**שאני נהנה למולים אסור בערלי ישראל ומותר במולי עובדי כוכבים שאין הערלה קרויה אלא לשם עובדי כוכבים**" - טאמער א מענטש מאכט א נדר נישט הנאה צו האבן פון 'גע'מל'עטע', טאר ער נישט הנאה האבן פון קיין איד - אפילו טאמער ער האט זיך נישט געקענט מל'ען, און ער מעג הנאה האבן פון א גוי - אפילו טאמער ער האט זיך יא גע'מל'עט. און דער ברטנורא זאגט דערויף (נדרים ג, יא): "**למולים - המאמינים בברית מילה**" - א גע'מל'עטער מיינט נאר אזא איינער וועלכער גלייבט אין די מצוה פון ברית מילה, אבער

א גוי וואס האט זיך געמ'ל'עט - אָן אמונה אינעם ברית מיטן אייבערשטן - הייסט ער בכלל נישט קיין געמ'ל'עטער.

##### דער עיקר מילה איז דער 'חלק האמונה' אז מען ווערט הייליג דורכדעם

**קומט** אויס, אז 'מילה' האט צוויי חלקים, עס איז פארהאן דער חלק 'הפעולה' וואס מען טוט בידים, אבער דאס אליינס איז נאך גנישט גענוג, נאר עס דארף אויך זיין דער צווייטער חלק 'הנפעל' - אז דורך די מילה זאל חל זיין פון אויבן א 'קדושת ישראל' אויפן מענטש! און לויט ווי דער ברטנורא איז מסביר, איז דאס תלוי אין דער 'אמונה במילה', דאס הייסט, אז א איד דארף טון די 'פעולת המילה' צוזאמען מיט א ריכטיגע אמונה וואס ער גלייבט, אז דורכן 'הסרת הערלה' נעמט ער אראפ די קליפה פון זיך, און ער ווערט מקודש פארן אייבערשטן מיט א קדושה עליונה! און אז דורכן מילה ווערט ער א 'שלם'; ווי דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו (בראשית יז, א) "**והיה תמים**", וואס דאס מיינט, אז ער ווערט גאנץ מיט 'קדושת ישראל'. און נאר טאמער ער גייט טאקע צו, מיט אט די אמונה - ווערט ער טאקע נתקדש דורכדעם, און ער ווערט א חלק פונעם 'עם קדוש'. ווידער אבער, אויב א מענטש טוט די 'פעולת המילה' - אָן די 'אמונה במילה', וועט דאס זיין בלויז א 'פועל' פון מילה, אבער דער 'נפעל' וועט נישט זיין! ער וועט נישט אריינגענומען ווערן אינעם כלל ישראל און וועט נישט האבן דעם גאנצן פנימיות פון קדושת ישראל.

##### א איד קען טון די מצוה בשלימות מיט די ריכטיגע אמונה – אפילו אויב ער האט א 'פניה'

**די** גמרא זאגט (ראש השנה ד.): "**האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיו בני ובשביל שאזכה בה לחיי העולם הבא הרי זה צדיק גמור**" - טאמער א מענטש גיבט צדקה מיט א ציל, אז ער זאל דורכדעם זוכה זיין צו עפעס א ישועה אדער א ריוח, איז ער א צדיק גמור. ווייל כאטש מען האט אינזין אן אייגענע הנאה, קען מען נאכאלץ אויך אינזין האבן דעם עיקר מכוון פון דער מצוה. און די גמרא זאגט דארט ווייטער, אז דאס איז נאר געזאגט געווארן ביי א איד, אבער ביי א גוי איז עס גארנישט ווערד. איז תוספות (ד"ה בשביל) מסביר דעם טעם פונעם חילוק: אז א גוי, טאמער ער ווערט נישט געהאלפן מיט דער ישועה וואס ער האט געדארפט - איז ער 'תוהה על הראשונות' -

ער האט חרטה פארוואס ער האט געטון די מצוה, ווידעראום, א איד, האט קיינמאל נישט קיין חרטה אז ער האט ארייגעכאפט א מצוה - אפילו אויב ער ווערט נישט געהאלפן. קומט אויס, אז דער חילוק צווישן דעם איד און דער גוי איז נישט 'בשעת' ווען ער טוט די מצוה - מיט דער זייטיגער כונה געהאלפן צו ווערן מיט א ישועה, נאר דער חילוק כאפט ערשט שפעטער 'נאכן' טון די מצוה - ווען ער ווערט נישט געהאלפן.

עטץ מעגט אויך אינזין האבן ענקער 'הצלה' – דער עיקר איר זאלט גלייבן אין מילה

**דאס** האבן שמעון און לוי געזאגט פאר די 'אנשי שכם': אויב עטץ וועט אייך מל'ען ווי עס דארף צו זיין, מיט דער ריכטיגער 'אמונה' אין מילה - דעמאלט וועט עטץ טאקע ווערן 'געמל'עטע' און ריכטיגע 'גרי צדק', און עטץ וועט ווערן פטור פונעם 'חיוב מיתה'. און כאטש עטץ האט דאך דא אויך א זייטיגע כונה וואס עטץ ווילט זיך פטר'ן פון מיתה, איז דאס נישט קיין פראבלעם, ווייל איינמאל עטץ וועט שוין האלטן נאך א ריכטיגע מילה, וועט עטץ שוין זיין געהעריגע אידן, און ביי א איד שטערט נישט די כונה פון "בשביל שיחיה בני", ווייל ער האט דאך נישט קיין חרטה למפרע אויף דער מצוה. און דאס גופא וועט זיין דער מבחן, צו זען אויב זיי זענען טאקע געווארן ריכטיגע אידן אדער נישט! ווייל אויב זיי וועלן שפעטער חרטה האבן אויף דער מצוה למפרע, איז א סימן אז זיי זענען קיינמאל נישט געווארן קיין אידן, ווייל דער ברית איז געוועזן בלויז א 'פעולה' און נישט קיין 'נפעל'. אט דאס איז געוועזן די געוואלדיגע המצאה פון שמעון און לוי.

שמעון און לוי האבן פארלאנגט פון זיי זיך צו מל'ען 'על דעת שבטי י-ה

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין די לשונות הפסוקים. שמעון און לוי האבן געזאגט צו די אנשי שכם: "**אִם תִּהְיוּ כָמֹנוּ לְהִמֹּל לָכֶם כָּל זָכָר**" - טאמער קענט עטץ צושטעלן אזא סארט מילה, וואס דורכדעם וועט עטץ זוכה זיין '**להמול**' - **צו ווערן גע'מל'עט** פון אויבן, און באקומען דעם קדושת ישראל '**כמונו**' - אזויווי אונז וואס מיר זענען קדוש 'בקדושת ישראל' - וואס דאס איז תלוי אין דער 'אמונה במילה' - נאר דעמאלט וועט עטץ ווערן פטור פונעם עונש מיתה. אבער "**וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֵלֵינוּ לְהִמּוֹל**" - טאמער וועט עטץ זיך נישט צוהערן צו אונזער פנימיות'דיגע 'אמונה במילה' - וואס נאר

דורכדעם ווערט געטון דער 'נפעל' פון 'להמול', אז מען ווערט פון אויבן א גע'מל'עטער, איז אויב אזוי: **"וְלָקַחְנוּ אֶת בִּתֵּנוּ וְהָלָכְנוּ"** - וועט עטץ נישט ווערן פאררעכנט ווי אידן, אפילו אויב ענק וועלן זיך 'בפועל' מל'ען. און דעמאלט וועט מען זיי מוזן הרג'ענען אלס עונש; ווי דער דין פון 'בני נח'.

זיי האבן זיך גע'מל'עט 'על דעת שכם וחמור'

**זאגט** אבער די תורה עדות: **"וַיִּשְׁמְעוּ אֶל חֲמוֹר וְאֶל שְׁכֶם בְּנוֹ כָּל יֹצְאֵי שַׁעַר עִירוֹ"** - די אנשי שכם האבן זיך נישט צוגעהערט צו 'שמעון ולוי', נאר צו 'חמור' און 'שכם' - וואס זיי האבן דאך אודאי נישט געגלייבט אין דער כונה פון מצות מילה - און זיי אלע האבן עס געטון 'על דעתם ועל כונתם' פון חמור און שכם. און דערפאר שטייט שוין דא: **"וַיִּמֹּלוּ כָּל זָכָר"**, און נישט 'ונמולו', ווייל עס טאקע בלויז געווען א 'פועל' און נישט קיין 'נפעל'! זיי האבן זיך גע'מל'עט, אבער זיי זענען נישט געווארן קיין גע'מל'טע, נאר זיי זענען געבליבן 'ערלים'! ווייל אָן 'אמונה במילה', איז די מילה גארנישט ווערד, עס האט נישט קיין שום קדושה און מען ווערט נישט קיין 'איד' דורכדעם.

דער סימן מובהק: זיי האבן חרטה געהאט אויף דער מצוה

**ווען** האט זיך ארויסגעשטעלט 'בהתגלות' אז זיי האבן זיך טאקע נישט גע'מל'עט מיט די ריכטיגע אמונה און קדושה? זאגט די תורה: **"וַיְהִי בַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי בִּהְיוֹתָם כֹּאֲבִים"** - אינעם דריטן טאג האבן זיי פון גרויס צער אנגעהויבן חרטה צו האבן אויף דער גאנצער מילה, און זענען געווען א 'תוהה על הראשונות', און פון דעם האבן שוין די בני יעקב געזען, אז די גאנצע מילה איז געטון געווארן אָן קיין אמונה, און דערפאר זענען זיי געבליבן א מהות פון גוים! ווייל טאמער זיי וואלטן ווען געגלייבט אין דער מילה, אז זיי ווערן מקודש פארן אייבערשטן, וואלטן זיי דאך דורכדעם באקומען דעם מהות פונעם 'עם קדוש', און דעמאלט וואלטן זיי דאך זיכער נישט געווען קיין 'תוהה על הראשונות'; ווי דער אויבנדערמאנטער תוספות, אז א איד האט קיינמאל נישט קיין חרטה אויף א מצוה. און נאכמער, זיי וואלטן זיכער געווען בשמחה; ווי די גמרא זאגט אויף מצות מילה (שבת קל.): **"עדיין עושין אותן בשמחה"**, און וויבאלד זיי זענען געווען פארוייטאגט און בצער פארוואס זיי האבן זיך גע'מל'עט, איז א ראיה אז דאס האט גארנישט

אויפגעטען אויף זיי, נו אויב אזוי, זענען זיי דאך נישט געווארן פטור פונעם עונש מיתה, און דערפאר: **"וַיִּקְחוּ שְׁנֵי בְנֵי יַעֲקֹב שִׁמְעוֹן וְלֵוִי וגו' וַיַּהַרְגוּ כָּל זָכָר"** - האבן זיי מקיים געווען דעם עונש פון מיתה.

די שמחה פון 'שלישי למילה' – צו ווייזן אז מיר האבן נישט קיין חרטה נאר מיר פרייען זיך דערמיט

**מנהג** ישראל תורה, עס איז איינגעפירט אז ביום 'שלישי למילה' ברענגט מען 'לחיים' אין בית המדרש, און עס זענען אפילו פאראן אזעלכע וואס מאכן א געהעריגע סעודה. מען זאגט נאך אויף איינע פון די צדיקים, אז ער פלעגט נישט טועם זיין ביי דעם סעודת ברית, נאר ביי 'שלישי למילה', ווייל ער האט געהאלטן אז דאס איז נאך גרעסער ווי דער סעודת הברית. און לויט ווי מען האט גערעדט, קען מען זאגן א שטיקל הסבר דערין: ווייל מען זעט דאך דא ביי שכם, אז אינעם שלישי למילה האבן זיי חרטה געהאט אויף די גאנצע מילה, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט למפרע אז עס איז קיינמאל נישט געווען קיין ריכטיגע ברית מילה. נו, קומט דאך אויס, אז אינעם שלישי למילה איז דער 'מבחן' וואו עס ווערט נתברר צי דער ברית איז געווען ריכטיג, אויב דער 'אבי הבן' איז בשמחה, איז א סימן אז עס איז געווען דא א ריכטיגער ברית מיט א קדושת ישראל מלמעלה. און דעריבער, ברענגט מען 'לחיים' און מען ווייזט ארויס, אז כאטש עס איז אזא גרויסער 'צערא דינוקא' - דאך איז מען פרייליך דערמיט און מען האט נישט קיין שום חרטה, און מיט דעם ווערט נתברר אז דער אבי הבן האט טאקע געמאכט דעם ברית מיט אמונה, און דאס קינד האט טאקע באקומען דעם ריכטיגן 'קדושת ישראל' דורך די מילה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אז יעדער איד זאל זוכה זיין ווייטער אנצוהאלטן די קדושה וואס ער האט באקומען בשעת'ן ברית; ווי מען זאגט **"כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים"**, עס זאל זיין שמחות ביי אלע אידישע קינדער, און מען זאל זוכה זיין צו די גאולה שלמה במהרה בימינו, אמן.

# דרשת כ"א כסלו תשע"א
# אצל סעודת הודאה במעמד אלפי ישראל

**ברשות כבוד קדושת אדמו"ר שליט"א, ברשות כבוד קדושת הראב"ד שליט"א, מרנן ורבנן ורבותי.**

**איך** האב די זכיה צו זיין דער 'שליח ציבור' פון דער עדה הקדושה, ארויסצוברענגען דעם שבח והודיה פארן אייבערשטן, פאר זיינע גרויסע חסדים וואס ער האט אונז געגעבן די 'מתנה גדולה' - מיט דעם הצלה פון רבינו הקדוש זכותו יגן עלינו זכר צדיק לברכה.

### די הבטחה פון 'לא געלתים לכלותם' האט געראטעוועט דעם רבי'ן!

**מען** האט דא פריער גערעדט וועגן די הצלה פונעם רבי'ן זכרונו לברכה, וואס עס איז געווען 'נס בתוך נס' ממש. דער שווער זכרונו לברכה [דער וואידיסלאווער רב] פלעגט זאגן, אז עס האט זיך געטון אין הימל א גאנצער 'ויכוח' און א 'מלחמה' וויאזוי מען קען זוכה זיין בדין אז דער הייליגער צדיק הדור, דער מציל ומושיע, זאל ניצול ווערן און זאל אונז אלע ראטעווען. און דאס איז נאר געווען אינעם כח פון דער הבטחה וואס עס שטייט אין פסוק (ויקרא כו, מד): "לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים לְכַלֹּתָם לְהָפֵר בְּרִיתִי", ווייל עס איז געווען ממש א מצב פון 'קרוב לכלותם' חלילה, און אט די הבטחה האט צוגעהאלפן אז מיר האבן זוכה געווען בדין! דער 'צד הקדושה' האט זיך מתגבר געווען! ממילא האבן מיר זוכה געווען, אז רבינו הקדוש זאל אונז מחנך זיין און אויפשטעלן די הייליגע דורות וואס מיר זעען דא.

### א שטיקל ציור: וויאזוי עס האט אויסגעזען אין הימל יענע מינוטן

**איך** האב אזוי געטראכט א ציור: עס איז דאך דעמאלט געווען אזא מין 'הסתר פנים', עס איז דאך נעבעך געווען א בחינה פון "שָׂתַם תְּפִלָּתִי" (איכה ג, ח), נאך די אלע צרות ישראל וואס עס האט זיך דעמאלט אפגעטון נעבעך, כמעט רוב פון כלל ישראל איז דאך שוין דעמאלט ליידער געווען אין גן עדן, און דער צער פון די 'שכינה הקדושה' האט דאך נישט קיין שיעור - וואס עס האט זיך דעמאלט אפגעטון. און דא זענען געשטאנען די וואגאנען

צו ראטעווען דעם רבי'ן, און עס איז געווען אזא מין ויכוח למעלה, צי מען זאל מצליח זיין מיט דער הצלה, אדער חלילה נישט. נו, וואספארא תפלה און זכות האט דא געהאלפן מציל זיין דעם הייליגן רבי'ן?

די מלאכים שרייען: לאמיר הערן דעם 'להדליק נר חנוכה' פונעם צדיק הדור!

**ווער** עס געדענקט דעם ברכת 'להדליק נר חנוכה', ווי עס איז ארויסגעגאנגען פון אים מיט א 'קול חוצב להבות אש', עס איז דאך געווען 'דא לדא נקשן', מיט אלע רמ"ח איברים ושס"ה גידים. עס איז געווען א שטיקל בחינה ווי די 'בני חשמונאים' נאך דער מלחמה מיט די יוונים, ווען זיי זענען אריינגעקומען אין בית המקדש און האבן געמאכט די ברכה אויף דער מנורה. ממילא, קען מען זיך פאָרשטעלן ווי די 'מלאכי רחמים' האבן געשריגן: "רבונו של עולם, דו זעסט דאך, אז דאס 'כלל ישראל' איז שוין באלד נישטא! די שכינה הקדושה כביכול איז דאך אזוי בצער! נו, לאמיר הערן דעם 'להדליק נר חנוכה' פון דעם צדיק הדור, דאס וועט סיי דיר כביכול אריינגעבן כוחות און חדוה לעילא, און סיי זאלן די צובראכענע אידעלעך, די 'שברי שברים' הערן א 'להדליק נר חנוכה'! אט דער נחת רוח למעלה פון דעם הייליגן צדיק אמת, דער קדוש וטהור, אט דאס קען זיין איז געווען א גרויסע 'מליצה ישרה', און דאס האט געהאלפן אז דער צד הקדושה זאל מנצח זיין און ער זאל ניצול ווערן.

וואס וואלט געווען מיט אונזערע דורות – ווען נישט אים?

**ממילא** דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן פאר די גרויסע מתנה וואס ער האט אונז געגעבן. "לוּלֵי ה' שֶׁהוֹתִיר לָנוּ" (ישעיה א, ט), וואס וואלט מיט אונז געווען? וואס וואלט געווען מיט אונזערע דורות? ממילא, האט נישט קיין שיעור דער 'שבח והודיה' וואס מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן.

## ב

אמעריקע איז געווען מער טמא ווי 'מצרים ערות הארץ'

**מען** דארף זיך אסאך מתבונן זיין, צו זען די כוחות און סייעתא דשמיא וואס דער הייליגער רבי האט געהאט. עס איז ידוע, אז אלע צדיקים האבן

מורא געהאט פאר דעם 'אמעריקע', עס איז דאך געווען טמא ומטומא - נאכמער ווי 'טומאת מצרים' וואס א מלאך האט מורא געהאט אריינצוגיין! און דער הייליגער רבי איז אהערגעקומען פון עיר הקודש ירושלים, און נישט מורא געהאט, און ער האט מציל געווען דאס גאנצע כלל ישראל מיט א 'מסירות נפש עילאה'.

פון וואו האט דער רבי געהאט דעם כח קעגן אמעריקע?

**דארף** מען טאקע פארשטיין פון וואו דאס נעמט זיך? מען זעט דאך אזויפיל 'גדולים וטובים' וואס זענען געקומען דא אהער, און זיי האבן נישט געקענט אויפטון, און די דורות זענען נעבעך אוועקגעפאלן. וואס איז טאקע געווען דער הייליגער כח פונעם רבי'ן זכרונו לברכה?

אין זכות פון רבי'ן ר' אלימלך און רבי'ן ר' זושא!

**איך** האב געהערט אז דער רבי זכרונו לברכה האט אמאל געשמועסט פונעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך און דעם הייליגן רבי'ן ר' זושא. האט דער רבי געזאגט: "בזכותם האבן מיר א קיום דא היינט". לכאורה איז נישט צום פארשטיין: עס איז דאך געווען אזויפיל צדיקים, תלמידי בעל שם הקדוש, וואס האט דער רבי געמיינט דייקא בזכותם? וואס איז געווען דער ספעציעלער זכות וואס דער הייליגער רבי ר' אלימלך און רבי ר' זושא האבן געהאט?

זיי האבן געהאט א כח צו ריייניגן לופט

**נאר** וואסזשע דען: עס איז ידוע, אז דער הייליגער רבי ר' אלימלך מיטן רבי'ן ר' זושא זענען געגאנגען ליידן גלות, און דאס איז געווען א בחינה פון "כָּל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר תִּדְרֹךְ כַּף רַגְלְכֶם בּוֹ לָכֶם יִהְיֶה" (דברים יא, כד) - וואו זיי זענען געקומען האבן זיי מטהר ומקדש געווען די שטעט און די מקומות. מען זאגט נאך, אז ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ביאלא, איז געווען א בריקל אריבער צוגיין קיין ביליץ. דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט געוואלט אריבערגיין דעם בריק קיין ביליץ, האט דער בעל דבר זיי געזאגט: אויב זיי וועלן גיין קיין ביליץ וועט ער איבערלאזן די גאנצע וועלט און זיך נעמען צו זיי. דער רבי ר' זושא האט נישט געוואלט גיין, און דערפאר איז דער רבי ר' אלימלך אויך נישט געגאנגען. און שפעטער האט מען געזען, אז ביאלא איז טאקע

געווארן א חסיד'ישע שטאט, און ווידער ביליץ, איז שוין געוועזן פון די 'מתחדשים'. זעען מיר, אז דער רבי ר' אלימלך און רבי ר' זושא האבן געהאט א כח מטהר צו זיין אוירים! מטהר צו זיין שטעט!

דער רבי זכרונו לברכה האט אויך געהאט דעם כח צו רייניגן לופט

**לויט** וואו מען זעט, איז נישט קיין שום ספק, אז דער הייליגער רבי זכרונו לברכה האט געהאט דעם סארט כח פון רבי ר' אלימלך און רבי'ן ר' זושא! מען האט אים איבערגעגעבן דעם כח, אז וואו אימער ער איז געגאנגען - האט ער געקענט מטהר זיין און מחזיר זיין 'עטרה ליושנה'! און דאס איז געווען אין דעם ביטערן אמעריקע וואו קיינער האט דאס נישט געקענט, אבער דער רבי מיט זיין קדושה וואס ער האט געהאט די כוחות פון רבי ר' אלימלך און רבי ר' זושא האט דאס יא באוויזן! ער האט אריינגעברענגט א 'פנים חדשות' אין דעם אמעריקע, געברענגט אזעלכע דורות, אזעלכע צורות קדושות, אזעלכע 'תינוקות של בית רבן' - וואס מיר האבן זיך נישט צו שעמען פאר די פריערדיגע דורות - לפי ערך פון אונזער מצב וואס מיר געפינען זיך.

נועם הכבוד: וואספארא כבוד איז עס דען צו דארפן רעדן פון א צדיק אין ווען מען האט נישט קיין השגה?

**מען** רופט אן דעם בעל דרשן דא: 'נועם הכבוד'. פון איין זייט, איז עס טאקע א גרויסער כבוד און א זכיה אפצוגעבן א שבח והודיה פארן אייבערשטן אין אזא זמן. אבער מצד שני, איז עס שוין גארנישט קיין 'כבוד' זיך אוועקצושטעלן און אנהייבן רעדן פון אזא צדיק אין ווען מיר האבן נישט קיין השגה. 'נועם הכבוד' איז שייך ווען איינער זאגט א דרשה, ער דארף צוזאמשטעלן א פאָר פסוקים מיט מדרשים, נו, ביי דעם איז שייך א שלימות. אבער אז מען הייבט אן צו רעדן פונעם רבי'ן, מוז מען דאך רעדן פון זיין גרויסקייט; ווי עס שטייט (בראשית יח, יז): "הַמְֽכַסֶּה אֲנִי מֵאַבְרָהָם וגו' וְאַבְרָהָם הָיוֹ יִהְיֶה", זאגט דער הייליגער רש"י: **"הואיל והזכירו ברכו"** - אז מען דערמאנט דעם צדיק איז דעמאלט דא א 'חיוב' ארויסצוברענגען די מעלות און די מדרגות פון צדיק! נו, ווער קען דען ארויסברענגען דעם הייליגן רבי'נס מדרגות אפילו נאר 'אפס קצהו'? דער דור האט אים דאך נישט משיג

געוועזן קיין 'כל דהו'? ער איז דאך געוועזן 'מרומם ומעולה' און אזוי גרויס, אז עס האט גארנישט קיין שיעור!

פאר הונדערט יאר צוריק וואלט ער אויך געוועזן פון די צדיקי הדור!

**באמת,** סיי וועלכע מדריגה און סיי וועלכע מדה פונעם רבי'ן - מען זאל אנכאפן און רעדן דערפון, וועט מען זען, אז ער איז געוועזן אין יענע מדה א 'מופלג בדורו'! מען וועט זען, אז אזא מדריגה האט מען זייער ווייניג געזען ביי אנדערע! און אזוי ביי יעדע מדה! און דאס איז א גרויסער חידוש, ווייל געווענליך איז יעדער צדיק א 'מופלג' אין איין זאך אדער אין צוויי זאכן, אבער אזא 'מופלג בכל המדות ובכל המעלות'? ער האט געהאט אין זיך 'תורה' און 'עבודה', 'גמילות חסדים' און 'טהרה וקדושה'! ער איז דאך געוועזן אזוי גרויס, אז אפילו בדורות הקדמונים מיט הונדערט יאר צוריק, אדער מער, וואלט ער געוועזן פון די צדיקי הדור! ממילא ווי קען מען אנהייבן לברכו ולספר בשבחו?!

מיר האבן טאקע נישט קיין השגה – אבער מיר קענען זיך אפלערנען הנוגע לנו

**נאר** וואסזשע דען? אויב דער אייבערשטער האט 'אונז' געגעבן אט די מתנה, דעם רבי'ן, מוז זיין אז עס איז ביי אים געוועזן אויך אזעלכע חלקים וואס איז שייך פאר אונזער דור! און דאס איז מחייב אונזער דור זיך אפצולערנען דערפון! און מיט אט די זאך קענען מיר האבן א קיום! ממילא, לאמיר שמועסן וועגן דעם רבינס יראת שמים.

ג

מיר דארפן זיך לערנען פון זיין יראת שמים

**ביים** רבי'ן האט מען געזען אן אויסטערלישע יראת שמים! דער רבי האט פשוט מורא געהאט פארן אייבערשטן! ער האט געציטערט פאר אן עבירה ווי פון פייער און נאך מער! ער האט אלעס אוועקגעגעבן, כל אשר לו, כבוד און געלט וכדומה - אלעס צוליב זיין גרויס יראת שמים! ער איז אויסגעגאנגען פאר פחד! פון א נדנוד עבירה האט ער זיך דערווייטערט ווי פאר פייער!

### צדיקים האבן מורא פונעם אויבערשטן, אז אלע רצונות און פחדים ווערן בטל כלפי דעם!

**עס** שטייט (עמוס ג, ח): "**אַרְיֵה שָׁאָג מִי לֹא יִירָא אֲדֹנָי אֱלֹקִים דִּבֶּר**". דער פסוק גיבט דא צו פארשטיין א שטיקל מושג וואס דאס הייסט 'יראת שמים': שטעל זיך פאָר, דו קומסט אין א וואלד און דו דערזעסט זיך פלוצלינג מיט אן 'אריה שאג', א לייב ברומט! נו, וואספארא פחד פאלט אויפן מענטש? ער פארלירט דאך אלע רצונות, אלע תאוות, אלע באגערן, מכח דעם פחד פון דעם לייב! אבער ביי צדיקים איז דער פחד פונעם "ה' אלקים דיבר" געווען נאך אסאך גרעסער! ווי דער חובת הלבבות (שער אהבת ה' פרק ו) ברענגט, אז דער חסיד איז געווען אין וואלד, און מען האט אים געפרעגט: "דו האסט נישט קיין מורא פון א לייב?", האט ער געזאגט: "בוש אני מאלקים שיראני יראה זולתו" - איך שעם זיך מורא צו האבן 'בלתי זולתו' חוץ פאר דעם אייבערשטן! אט דאס הייסט פחד און יראת שמים! עס איז נישטא קיין יראה, עס איז נישטא קיין פארכט - נאר פארן אייבערשטן!.

### דער רבי האט נישט מורא געהאט זיך ארויסצושטעלן מיט זיין שיטה – צוליב גרויס יראת שמים

**עס** קען זיין, אז פון אט דעם 'מקור קדוש' האט זיך גענומען ביים הייליגן רבי'ן די מדה פון 'לא תגורו מפני איש', ער האט נישט מורא געהאט פאר קיין דראאונגען! עס איז גארנישט געווען ביי אים קיין שום אנדערע פחדים! ווייל 'בוש אני מאלקים שיראני יראה זולתו'.

### דער 'לא תגורו' איז א הוכחה אויף ווי ווייט דאס יראת שמים גייט

**באמת,** עס קען אמאל זיין אז א מענטש וועלכער איז מקיים 'לא תגורו', און פונדעסטוועגן האט ער נישט קיין מורא פארן אייבערשטען אויך נישט... נאר אויב דער 'לא תגורו' קומט פון דעם 'בוש אני לירא בלתי זולתו', אז עס קומט פון יראת שמים, און פון דעם ווערט בטל אלע אנדערע יראות - דעמאלט קומט דא ארויס די אמת'דיגע 'לא תגורו מפני איש'! און דאס האט מען געזען ביים הייליגן רבי'ן, אז יעדעס מאל, ווען עס איז געקומען צו אן ענין פון 'יראת שמים' איז ער געווען ממש אויסער זיך.

ער האט געגעבן א שפרונג אויף מיט א ציטער...

**איך** וועל פארציילן א מעשה פונעם רבי'נס יראת שמים, וואס איך בין אליינס געווען דערביי. עס איז ידוע, אז אין אנפאנג ווען עס האט זיך געשאפן אין בארא פארק די ישיבה, חדרים, תלמוד תורה, האט מען גדינגען ביי עטליכע אינגעלייט א שטוב מען זאל קענען פלאצירן די קינדער זיי זאלן דארט לערנען. בין איך געווען אין שטוב ביים רבי'ן אום מוצאי שבת מקץ, איז אריינגעקומען א אינגערמאן און ער גיבט א קוויטל דעם רבי'ן, און ער זאגט צום רבי'ן, אז מען האט גדינגען ביי אים א שטוב און ער האט געהאט דערפון א הכנסה, און יעצט, נאך א יאר, צי א האלב יאר, האט עס דער מנהל אוועקגענומען פון אים, און עס פעלט אים אויס צו דער פרנסה. האט דער הייליגער רבי געגעבן א שפרונג אויף, און אראפגעווארפן דאס קוויטל אויף דער ערד און געשריגן: "**וואס ווילסטו? איך זאל זיין א רשע?!**". דער אינגערמאן האט נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך, דער הייליגער 'שר התורה' שרייט אויף אים, וואס איז דא געשען? וואס איז דער הייליגער רבי אזוי דערציטערט געווארן? גייט ער צו צו ר' יאסל אשכנזי זכרונו לברכה – וואס איז דארט געווען אין דער זייט – און פרעגט אים: "וואס האב איך געטון דא שלעכטס?". זאגט אים ר' יאסל: "לויט ווי איך זעה, האט דער רבי געמיינט צו זאגן, אז ער האט דא אויסגעהערט איין צד אן דעם צווייטן צד, און ער האט עובר געווען אויף 'שמוע בין אחיכם'!". כאטש וואס אינ'אמת'ן איז דאך דער רבי געווען דער בעל הבית אויף די מוסדות, און מען איז נישט געקומען זיך אפרעדן אויפן מנהל, נאר בעטן אז מען זאל ווייטער האלטן דארט די כתה, אבער על כל פנים, עס איז דא געווען עפעס א נדנוד פון 'שמוע', איז דער רבי ארויס פון די כלים! ער איז געווארן דערציטערט! א פחד האט אים אנגענומען! ער איז נישט געווען עלול ומסוגל צו רעדן עפעס, נאר געגעבן א שפרונג אויף: ער האט עובר געווען א נדנוד פון 'שמוע בין אחיכם'! אויף דעם, איז דער רבי ארויס פון אלע כלים, אט דאס הייסט יראת שמים.

ד

דער פחד ה׳ וואס מען האט געזען ביים קאלאשיצער רב זי״ע

**עס** איז כדאי צו דערמאנען א מעשה וואס עס איז געווען ביים הייליגן קאלאשיצער רב – מיין מאמע עליה השלום איז דארטן געשטאנען: עס איז אמאל אנגעקומען א ׳פאסט קארטל׳ פון איינע פון די קינדער, און דארט אין ריישא האט זיך געפונען דער מוטער פון קאלאשיצער רב, די פריסטיקער רביצין - א טאכטער פון הייליגן שינאווער רב זי״ע. און מען האט איר געגעבן צו לייענען דאס קארטל, און דער קאלאשיצער רב איז געשטאנען און געווארט אז זי זאל ענדיגן לייענען. ווען די מוטער האט געענדיגט, האט ער איבערגענומען פון איר דאס קארטל, אבער אזוי אוועקנעמענדיג דאס קארטל, האט זיך אים געדוכט אז זי האט נאכנישט געהאט געענדיגט, איז ער געשטאנען דער הייליגער צדיק און זיך געבעטן: ״מאמע, מאמע, איך האב מורא אז איך האב גענומען און ביסט נאכנישט פארטיג, מאמע זיי מיר מוחל! מאמע איך וועל שוין נישט! איך האב נישט געוואלט!״. א רבן של ישראל, שוין אלט געווען עטליכע אין פופציג יאר, איז געשטאנען און געציטערט ווער ווייסט צי ער האט נישט עובר געווען אויף דעם ׳תיראו׳, אדער אויף דעם ׳כיבוד׳, איז ער ארויס פון די כלים! ווייל דאס זענען געווען צדיקי אמת, ווען עס איז געקומען צו ׳יראת שמים׳ איז דאס התבטלות געווען אָן א שיעור! עס איז געווען א פחד וואס מען האט זיך פארלוירן אינגאנצן! עס איז נישט קיין פשוט׳ער יראת שמים, נאר אסאך מער פון **אַרְיֵה שָׁאָג**.

דער פחד פון אן עבירה ביים שינאווער רב זי״ע

**כעין** זה איז ידוע א מעשה פון הייליגן שינאווער רב זצ״ל – עס איז דא פארשידענע נוסחאות אין דעם, איך האב עס געהערט פון מיין שווער זכרונו לברכה, וואס ער האט געהאט אזוי מקובל די מעשה: נאכן הסתלקות פונעם דברי חיים זי״ע, איז דער שינאווער רב געזעסן אין צאנז איבער א יאר, ווייל ער האט געהאלטן אז דאס רבנות פון צאנז קומט אים אלס בכור, און אז די תורה זאגט אזוי - וויל ער פון גארנישט וויסן! פארשטייט זיך, עס איז אנגעגאנגען ׳סכסוכים׳, אבער ער האט זיך נישט געמאכט גארנישט צוטון דערפון, די תורה זאגט אזוי - איז אזוי! נאך א יאר, איין אינדערפרי

שטייט ער אויף, און זאגט צו די בני בית: "פאקט איין די פעקלעך, מען פארט אהיים!". די מקורבים האבן נישט געוואוסט: וואס איז דא געשען? זאגט ער זיי: "ביז יעצט האב איך געמיינט בלויז מקיים צו זיין די תורה וואס זאגט אז עס קומט מיר. אבער יעצט האב איך מורא, צי עס איז מיר נישט דורכגעלאפן א מחשבה פון 'נצחון', אויב אזוי, דארף איך נישט צאנז! דארף איך נישט גארנישט! לאמיר אהיימפארן". דאס איז געווען די צדיקי אמת, ווען עס איז געקומען חלילה צו אן עבירה דעמאלט איז געווען אויס 'זיך'.

מפני שמי ניחת הוא: ער ווערט צובראכן פון פחד פון אן עבירה

**עס** שטייט אין פסוק (מלאכי ב, ה): "**בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ וגו' וָאֶתְּנֵם לוֹ מוֹרָא וַיִּירָאֵנִי וּמִפְּנֵי שְׁמִי נִחַת הוּא**" - פאר מיין נאמען טוט ער ציטערן. איז דער אבן עזרא מסביר: וואס איז דער הוספה פון 'ומפני שמי נחת הוא'? עס שטייט דאך שוין 'וייראני' - אז די צדיקים וועלן מורא האבן? נאר זאגט ער: אז דאס איז א "**לשון נפעל כמו לב נשבר ונדכה**". אזוי זאגט אויך דער רד"ק: "**שרשו חתת, ופירושו נשבר ונדכה מפני שם ה'**". עס איז ידוע, אז צדיקים האבן געזאגט אויפן אבן עזרא: "עס איז א חידוש ווי די פלייצע איז אים נישט געווארן איינגעבראכן מכח יראת שמים!", און מען זעט דא ווי דער הייליגער אבן עזרא גיבט א זאג: 'מפני שמי ניחת הוא' - 'כמו לב נשבר ונדכה', ער ווערט צובראכן און צושטויסן חלילה ווען עס קומט צו אן עבירה. אט דאס איז יראה!

דער חלשות פון א חשש עבירה ביים רבי'ן ר' ברוך'ל זי"ע

**עס** איז ידוע א מעשה: אז דער רבי ר' ברוך'ל זי"ע איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד, האט ער זיך געגעבן א קלאפ אָן מיטן שטריימל אינעם הענג לייכטער, איז ער געפאלן חלשות. לכאורה איז דאס בלויז א 'טלטול מוקצה מן הצד', וואס איז דאס חלשות? אבער דאס קען מען נאר פרעגן, ווייל מיר האבן נישט קיין השגה אין יראת שמים! אבער אזא רבי ר' ברוך'ל, זיין יראת שמים איז געווען אזוי גרויס, אז ער איז געפאלן חלשות! ער איז געווארן נשבר ונדכה פאר א חשש פון עובר זיין חלילה אן עבירה.

## ה

### זרע קודש: מיט אלעס קענסטו מיינען 'דיר' – חוץ פון 'יראת שמים'

**דער** הייליגער זרע קודש זאגט אין די ליקוטים א מורא'דיג ווארט, עס שטייט (דברים י, יב): "**וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ וְלַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ. לִשְׁמֹר אֶת מִצְוֹת ה' וְאֶת חֻקֹּתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לְטוֹב לָךְ**". פרעגט דער הייליגער זרע קודש: אז דו זאגסט 'כי אם ליראה', מיינט דאס אז נאר יראה וויל דער אייבערשטער, נו, וואס זאגט דער פסוק ווייטער 'ללכת', 'ולאהבה', 'ולעבוד', 'ולשמור'? זאגט דער הייליגער זרע קודש: יראה און פחד דאס קען נישט זיין נאר אז מען מיינט דעם אייבערשטען. אבער אהבה, עבודה און אלעס - קען זיין '**להיות טוב לך, שכוונתך בשביל עצמך**' - קען זיין דו מיינסט דיך! דו מיינסט נישט דעם אייבערשטן! פחדים נוראים פון ווערטער! דארט שטייט דאך: "ולאהבה אותו – אהבה, ולעבוד ה' – עבודה זו תפלה, בכל נפשך – מסירות נפש", דו קענסט פאסטן משבת לשבת, דו קענסט זיצן אין טלית ותפילין א גאנצן טאג, דו קענסט פירן טישן און נעמען קוויטלער, אלעס קענסטו טון, אבער זאלסט וויסן אויב איז נישט דא קיין 'יראה ופחד' איז 'כוונתך בשביל עצמך', מיינסטו זיך!

### די תנועות משונות פונעם רבי'ן זענען געווען 'קבלת עול מלכות שמים'

**אט** דאס איז געווען ביים הייליגן רבי'ן! א גאנצן טאג איז ער געווען מיט יראה און פחד! מען האט געזען אסאך מאל די תנועות שונות מיט די הענט און מיט די אויגן, מיר האבן נישט קיין השגה אין זיינע כוונות, אבער דאס איז נישט קיין ספק אז דאס איז געווען 'עול מלכות שמים' און 'שויתי ה' לנגדי תמיד'! דאס איז געווען א גאנצן טאג.

### דער עיקר עבודה פון יעדן איד איז יראת שמים

**עס** איז דא א ווארט, עס שטייט (דברים י, כ): "**אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ תִּירָא אֹתוֹ תַעֲבֹד וּבוֹ תִדְבָּק**". פרעגט ער: "פארוואס שטייט נישט קיין וא"ו ביי 'אותו': "את ה' אלקיך תירא ואותו תעבוד", פונקט ווי עס שטייט 'ובו תדבק'?". זאגט ער: "יראת שמים דאס איז דער עיקר עבודה! "את ה' אלקיך תירא אותו תעבוד" - אין דעם 'תירא' זאלסטו ארבעטן טאג און נאכט! דו זאלסט ארבעטן, אז דו

זאלסט מורא האבן פארן אייבערשטן, נישט נכשל ווערן אין קיין חטא חלילה! און דאס זאל זיין במחשבה דיבור ומעשה. און נאכדעם, אז דו ווערסט מקיים זיין 'אותו תעבוד', ווערסטו שוין ממילא זוכה זיין צום 'ובו תדבק'; ווי דער אור החיים הק' (בראשית א, א) זאגט, אז 'יראה' איז דער שער אריינצוקומען צו די גאנצע תורה.

"רבי חיים בריסקער איז געווען א ירא שמים!"

**איך** בין געווען אמאל ביים רבי'ן זכרונו לברכה אין שטוב, איז אויסגעקומען א שמועס פון רבי חיים בריסקער זכרונו לברכה. האט מען דארט גערעדט, אז רבי חיים בריסקער איז געווען באקאנט און אנגענומען אין דער וועלט אלס דער גרויסער גאון. דער רבי האט זיך אזוי צוגעהערט צום שמועס, גיבט ער א זאג: "ער איז געווען א ירא שמים!". און דער פשט איז, אז 'גאונות' מיט אלעס, דאס איז נאכנישט קיין ראיה, דאס קען זיין 'לטוב לך', דער עיקר איז דאס 'יראת שמים' פונעם בריסקער רב.

"דער רבי ר' אשר'ל איז א ירא שמים!"

**ענליך** איז ידוע די מעשה פונעם ישמח משה, אז אמאל איז דער רבי ר' אשר'ל פון ראפשיץ געווען אין אוהעל, און דער ישמח משה איז געגאנגען צום טיש. פרעגט אים דער אייניקל, דער ייטב לב: "זיידע וואס זאגסטו צום ראפשיצער רב?" האט דער ישמח משה געענטפערט: "ער איז א ירא שמים!". אין תשובות דברי חיים אין יורה דעה סימן נ"ב, זאגט ער אויפן רבי'ן ר' אשר'ל: "גאון הדור". חזי מאן גברא רבה מסהיד עליו, דער הייליגער דברי חיים זאגט אזעלכע ווערטער אויף אים, און דא קומט צו גיין דער הייליגער ישמח משה און זאגט "א ירא שמים"?! אבער ווי מיר רעדן, פארשטייען מיר דאס זייער גוט, אז דער ישמח משה האט דא געזאגט, אז אלעס וואס דער רבי ר' אשר'לער טוט, זיין גאנצע עבודה, די טישן, דאס דאווענען אלעס איז נישט קיין 'לטוב לך' - נאר עס איז יראת שמים!

ז

דער 'חן דקדושה' פונעם רבי'ן איז געקומען פון זיין יראת שמים

**די** גמרא זאגט (סוכה מט): **"מי שיש לו חן בידוע שהוא ירא שמים"**. וואס מיינט 'חן'? חן מיינט, אז די 'דיבורים' וואס ער רעדט, און יעדע 'מעשה' וואס ער טוט - גייט אריין בלב פון די שומעים און עס ווערט נתקבל! עס איז א בחינה פון 'דברים היוצאים מן הלב', מען פיהלט אז עס גייט אריין גלייך אין הארץ! דאס איז די בחינה פון 'מי שיש לו חן' - מען איז מקבל פון יענעם - אט דאס קומט פון יראת שמים.

די תנועות פונעם רבי'נס דאווענען

**מען** גיבט זיך א דערמאן דעם הייליגן רבי'נס 'חן דקדושה', יעדע 'תנועה קדושה' וואס ער האט געטון. לאמיר נעמען די הייליגע שבתים, ווען דער רבי דער הייליגער איז אריינגעקומען צו 'מנחה ערב שבת', און האט אנגעהויבן צו זאגן די הייליגע שמונה עשרה, ער האט אנגעהויבן מיט אזא 'השתפכות הנפש', אז עס איז אריין אין יעדע אידישע נשמה! ער האט געבויערט אזויוי מען בויערט מיט א שרויפן ציער, טיפער און טיפער! עס האט אנגערירט ביז צו דער נקודה פונעם איד - וועלכער איז געקומען פון א שווערע וואך פון די אמעריקאנער גאסן! מען האט געפיהלט אזא חיות, 'כמים קרים על נפש עיפה'. ווי ער האט געזאגט די הייליגע שמונה עשרה: **"השיבנו אבינו לתורתיך, וקרבנו מלכנו לעבודתך, ברוך אתה ה' הרוצה בתשובה"**, עס איז אריינגעגאנגען אין אלע איברים! עס איז געווען אן 'עונג שבת', מען האט געפיהלט אז עס איז שבת.

רבי יאנקעלע מפשעווארסק: דער רבי האט געענדיגט די שמונה עשרה אזויוי ער האט אנגעפאנגען

**רבי** יאנקעלע פון פשעווארסק זי"ע פלעגט זאגן, אז דעם רבי'נס כח התפלה האט מען נישט געזען ביי אנדערע. ער האט געהאט א כח, אז פון אנפאנג שמונה עשרה ביזן סוף, איז עס געווען אין די זעלבע בחינה! מיט די זעלבע התלהבות און מיט די זעלבע בחינה פון אהבה ויראה.

די צורה ווי רבי איציקל מפשעווארסק זיצט מיטן רבי'ן בעפארן טיש

**רבי** איציקל מפשעווארסק זכרונו לברכה איז געווען דאהי, איז ער געגאנגען צום רבינ'ס טיש פרייטאג צונאכטס, דער רבי איז נאכנישט געווען ביים טיש, האט מען אריינגעלאזט רבי איציקל אין רבי'נס שטוב, און איך האב אויך געהאט די זכיה אריינצוגיין דארט. ווער עס האט געזען ווי די צוויי צדיקים זיצן! ווער עס האט דאס געזען! וואס זאל איך אייך זאגן? דער הייליגער רבי איז געזעסן און געלערנט חומש רש"י מיט אזא דביקות, א הכנה צום הייליגן טיש. נאכדעם האט זיך אויפגעהויבען דער רבי מיט רבי איציקל, און דער רבי האט זיך אויסגעשווענקט דאס מויל פאר קידוש, און דער רבי איז אריינגעגאנגען צום טיש מיט אזא מין צורה הקדושה!

דאס 'אריינקומען' צום טיש איז געווען א מחזה פאר זיך

**איך** האב אינזין געהאט, מען זאגט אין זוהר הקדוש: "**רבי שמעון כד הוה 'אתי' לסעודתא הוה אמר הכי**", ביי רבי שמעון שטייט נישט "כד הוה 'יתיב' לסעודתא" נאר זעט אויס, אז דאס אריינקומען צום טיש אליין, איז שוין געווען א באזונדערער כח! און דאס האט מען געזען ביים רבי'ן, דאס אריינקומען איז געווען מיט אזא פחד, אזא יראה און מיט אזא קדושה, אז מען האט געזען דארט דעם "כד הוה **אתי** לסעודתא".

ז

יצחק אבינו האט אריינגעברענגט יראה און דער גאנצער וועלט אויף אייביג

**דער** מדרש זאגט (ב"ר נה, ז): פארוואס האט עס געהייסן 'הר המוריה'? "**שמשם יצאה יראה לעולם**". דאס ווארט 'לעולם' האט צוויי פשטים, סיי 'לכל העולם', און סיי 'לעולם ועד'. קען זיין אז ביידע פשטים זענען אמת, ווייל דער הייליגער יצחק אבינו, ווען ער איז געגאנגען צו דער עקידה, האט ער זיך מקבל געווען אזא 'יראת שמים', מיט אזא 'מסירות נפש', מיט א 'יראה עילאה' - מיט דעם כח האט ער אריינגעברענגט יראה אין די גאנצע וועלט! און אויך 'לעולם ועד' - אפילו אין די שפעטערע דורות אויך!

פון ווי נעמט דער יונגער דור חיות? זיי האבן דאך נישט געזען דעם רבי'ן?

**דער** שווער זכרונו לברכה האט נאכגעזאגט, אז א געוויסער ראש ישיבה האט געזאגט אין א הספד אויפן רבי'ן: "אזל גברא דמסתפינא מיניה". האט ער געזאגט: "אזל גברא, דמסתפינא" - דאס ביסל יראת שמים וואס איך האב נאך, "מיניה" - איז פונעם רבי'ן זכרונו לברכה! בשעת ווען דער שוער האט דאס געזאגט, האט ער עס גערעדט אויף א בחינה פון 'אתם ראיתם', עטץ האט דאס אליינס געזען! עטץ האט אליינס זוכה געווען צו זען די צורה הקדושה! די עבודה קדושה! די שבתות וימים טובים! אבער בעוונותינו הרבים, אז עס איז שוין דרייסיג יאר וואס מיר האבן נישט זוכה געווען צו זעהן די צורה הקדושה! און עס איז שוין איבער פערציג יאר וואס מיר האבן נישט זוכה געווען צו הערן די דיבורים הקדושים! איז פון וואו זאל מען נעמען חיות? וויאזוי זאל מען זיך דערהאלטן אין דעם ביטערן גלות?

מען קען נאך היינט אויך שעפן יראת שמים פונעם רבי'ן זכרונו לברכה

**נאר** וואסזשע דען? דער רבי זכרונו לברכה טייטשט אין פרשת שופטים (דברים יז, ט): "**וּבָאתָ אֶל הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם וְאֶל הַשֹּׁפֵט אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם וְדָרַשְׁתָּ וְהִגִּידוּ לְךָ אֵת דְּבַר הַמִּשְׁפָּט**", זאגט דער הייליגער רבי אזוי: "**שדיבורי הצדיקים נצחיים, ועדיין נשארים באויר העולם, וכן בכל הדורות ההולך בדרכי הראשונים יכול לשמוע דבריהם ולידע המעשה אשר יעשון**". האט דער רבי דער הייליגער אונז געזאגט: אז זאלסט וויסן, אפילו אויב 'אזל גברא', אפילו ער איז נישטא צווישן אונז, אבער פונדעסטוועגן, די 'יראה' איז נאך דא פון אים! ווייל דאס איז א 'נצחיות'.

דער עיקר חיזוק איז די תורה הקדושה

**ממילא** איז למותר צו דערמאנען דעם ענין צו מחזק זיין די הייליגע מוסדות הקדושים פונעם הייליגן רבי'ן, וואס ער האט אריינגעלייגט דערין דאס מסירות נפש. דאס איז אונזער עתיד און מיט דעם דארפן מיר מקבל זיין דעם הייליגן רבי'ן ווען משיח צדקינו וועט קומען. ממילא יעדער איד דארף צו וויסן, אז דאס איז דאס חיות! כי הם חיינו, מיט דעם כח פון תורה! ווי דער זרע קודש זאגט (פרשת בא): אז יראה איז 'התמדה בתורה', דער עיקר איז דאך די תורה הקדושה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן אז דער הייליגער זכות פון רבינו הקדוש זאל אויף אונז אלע מגין זיין, מיר דארפן רחמי שמים, "הייליגער רבי שווייג נישט! דער דור איז נעבעך אין אזא מצב אין אזעלכע נסיונות וואס אונזערע אבות מיום הוסדה האבן דאס נישט געהאט! שטיי ווייטער צו די רעכטע האנט! און דו זאלסט שטיין לימין פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט, ער זאל קענען ווייטער אנגיין מיט די מוסדות! און דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו זען בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, עד ביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.